# לכבוד שבת... גליון 3

## א תורה לכבוד שבת...

**ויחי יעקב בארץ מצרים.** יעקב איז מרמז אויף דער מדה פון "אמת" תתן אמת ליעקב.
מיט דער מדה פון אמת קען מען דורך לעבען אלע שווערסטע צייטן און אלע ענגשאפטן.
[חידושי הרי"ם]

## א מעשה לכבוד שבת...

געווען איז עס נאכן צווייטען וועלט מלחמה. עס איז געווען א גרויסער צייטונג שרייבער וואס האט ארומגעגאנגען צו אסאך מלחמה איבערלעבער הערן זייערע דערציילונגען.

ער האט אנגעהויבן כאפן אז אסאך פון זייערע דערציילונגען האט און זיך איינער "אטע" א נאצי וואס יעדעס מאל וואס מען האט געהאלטען ביים הארגענען האט ער זיך אריינגעמישט און ער האט געגעבען שטארקע קלעפ פאר יענער ארעסטאנט אזוי איז יענער ארעסטאנט געראטעוועט געווארען פון א זיכערע טויט.

אזוי האט דער אטע אייבוג געטון און אזוי זענען געראטעוועט געווארן צענדליגע ארעסטאנטען פון זיינע קלעפ. דער צייטונג שרייבער איז געווען זייער נייגעריג צו וויסן ווער איז דער מוסטרועזער אטע. האט ער אריינגעלייגט אין זיינע ארטיקלען אז ווער עס ווייסט סיי וועלבע אונפערמאציע אויף דעם אטע זאל זיך מעלדן.

יארן שפעטער האט איינער א פרוי אנגערופען דעם צייטונג שרייבער אז זי ווייסט אלעס איבער דעם 'אטע' און זי האט אנגעהובן צו דערציילען די מעשה דער 'אטע' איז א יוד און ער איז מיין פעטער און זיין נאמען איז "חיים קלאר" ער איז געווען א בחור ווען ארץ ישראל האט געווען אונטער דער ברוטישער הערשאפט און ער איז געווען א בחור וואס האט נישט געהאלטען ביים לערנען און ער איז אריין אין דער בריטישער מיליטער.

ווען דער צווייטער וועלט מלחמה האט אויסגעבראכן האט מען אים געלערנט צו זיין א שפיאן און מען האט אים געשוקט קיין דייטשלאנד און ער איז אריין אין די דייטשע מיליטער, איינמאל ווען ער האט זיך געטראפן מיט איינער פון די עס האט יענער אים געזאגט מיט א פארגעניגען ווי סאך יודן ער האט געהארגעט און דער אידישער שפיאן איז געווארן דערצוטערט

הערנדיג  דעס. איז ער געגאנגען  צו די געסטאפא  און ער האט זיי געזאגט אז ער וויל ארבעטען אין די לאגער  און מען האט אים אנגענומען און ער האט אזוי געקענט ראטעווען  צענדליגער יודן.

און די פרוי פארציילט ווייטער נאך די מלחמה איז ער צוריק געווארן ערליך און ארויף קיין ארץ ישראל און זי דערציילט ווייטער אז זי האט קיינמאל  נישט געוויסט וועגן דעם ביז א פאר טעג פאר ער איז נפטר געווארן  האט ער איר עס דערציילט.

## א גוטס לכבוד שבת...

א האנט וואס רירט זיך נישט   רופט מען א סטראוק.   אפאר  ארבעטער וואס ארבעטען נישט רופט  מען סטרייק. א משפחה וואס ארבעט נישט ריפט מען סטראקעס ...

אז איינער איז לאנגווייליג רופט ער קול מבשר און דריקט 113 אז איינער איז  נאך מער לאנווייליג דריקט ער 114 אויב איז מען נאך מער לאנגווייליג דריקט מען 13 אויב איז מען נאך מער לאנגווייליג  באקומט מען א אייגענעם קנעפעל...

## געדאנקען לכבוד שבת...

אין לעבען פארלירט מען קיינמאל נישט קיין חבירים. מען לערנט זיך נאר אויס  צו דערקענען  די אמתע  חבירים.

הלוואי איך האב ליב דעם גרעסטן צדיק אויף דעם וועלט  אזוי שטארק  ווי די אייבערשטער  האט ליב דעם גרעסטען רשע [רבי פנחס מקאריץ].

לעילוי נשמת ר' ישעי' בן  ר' משה.

ולעילוי נשמת  ר'חיים זאנוויל בן ר' משה.

ולעילוי נשמת ר' ישעי יעקב בן  ר' ישראל אברהם.